# אוצר השבת

אריסגענומען פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## מצות קידוש

### תשובה פאר קידוש

**די** חז"ל זאגן אז בשעת משה רבינו איז ארויף אין דעם זיבעטן הימל האט ער אנגעהויבן צו זאגן ויכלו, און ער האט אנגעהויבן דערציילן דער כח פון תשובה.

**לכאורה,** וואספארא שייכות האט ויכלו מיט תשובה? נאר אזוי מיר האבן פריער דערמאנט, ווען א איד איז מהרהר בתשובה ביים זאגן ויכלו ווערט ער גלייך פארעכנט ווי כשר'ע עדות, זעען מיר פון דעם דעם גרויסן כח פון תשובה - אז אין איין מינוט וואס מען טראכט פון תשובה קען מען ווערן א צדיק גמור. ווי די גמרא ברענגט [קידושין מ"ט:] אויב מען איז מקדש א פרוי מיט דעם תנאי אז מען איז א צדיק גמור איז זי מקודש, ווייל עס קען זיין אז ער האט געהאט א הרהור תשובה.

**וויבאלד** פון דעם זאגן ויכלו ווייסן מיר אז אין איין מינוט קען אפילו א רשע ווערן א כשר'ע עדות, דעריבער ווען משה רבינו האט געזאגט ויכלו האט ער אנגעהויבן צו דערציילן דעם לויב פון תשובה. **פני דוד ראה אות י"ב**

**פארוואס** העלפט תשובה נאר פאר די אידן און נישט פאר די גוים? דער חיד"א ערקלערט אז מיר אידן ווערן אנגערופן קינדער פון השם יתברך, ווי עס שטייט אין פסוק [דברים י"ד א'] בָּנִים אַתֶּם לַה' אֱלֹקֵיכֶם, און די הלכה איז, אז א טאטע קען מוחל זיין אויף זיין כבוד. אבער פאר די גוים ווערט הקדוש ברוך הוא אנגערופן א קעניג, ווי עס שטייט [ירמי' י' ז'] מִי לֹא יִרָאֲךָ מֶלֶךְ הַגּוֹיִם, און די הלכה איז אז א קעניג קען נישט מוחל זיין אויף זיין כבוד, דעריבער העלפט נישט קיין תשובה פאר די גוים.

**השם** יתברך האט באפוילן פאר די אידן אז זיי זאלן רוען שבת אזוי ווי השם יתברך האט גערועט שבת, ווי עס שטייט אין פסוק [בראשית ב' ב'] וַיִּשְׁבֹּת בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי מִכָּל מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה. שטייט [עי' בני יששכר חודש סיון מ"ב אות ו'], אז די מצוה האבן זיי באקומען נאך פאר מתן תורה, ווען זיי זענען געווען אין מרה, כדי די אידן זאלן שוין וויסן אז זיי זענען קינדער פון השם יתברך (וואס דעריבער מעגן זיי רוען שבת, און דאס הייסט נישט ווי זיי וואלטן זיך באניצט מיט שרביטו של מלך - השם יתברך'ס שטעקן), און פאר זיי וועט העלפן תשובה, דעריבער זאלן זיי נישט מורא האבן מקבל צו זיין די תורה, ווייל זיי קענען שטענדיג תשובה טוען.

**דעריבער,** יעצט ווען מיר גייען מקיים זיין די מצוה פון קידוש, וואס פון די מצוה ווייסן מיר אז מיר זענען קינדער פון השם יתברך און פאר אונז העלפט תשובה, דארפן מיר יעצט תשובה טוען, ווייל השם יתברך אונזער טאטע איז מקבל אונזער תשובה. **מורא באצבע**

### ווי אזוי מעג מען שבת תשובה טוען

**מען** האט געפרעגט דעם הייליגן חוזה פון לובלין זי"ע: וויאזוי מעג מען תשובה טוען מיט א צובראכן הארץ פאר השם יתברך אום שבת, מיר זענען דאך באפוילן געווארן אז שבת זאל מען זיין בשמחה? האט דער הייליגער חוזה געענטפערט, אז עס שטייט אין פסוק [דברים י' ט"ז] וּמַלְתֶּם אֵת עָרְלַת לְבַבְכֶם און אויך שטייט אין פסוק [דברים ל' ו'] וּמָל ה' אֱלֹ-קֶיךָ אֶת לְבָבְךָ וְאֶת לְבַב זַרְעֶךָ. זעען מיר פון די צוויי פסוקים אז ביי תשובה שטייט דער זעלבער לשון ווי ביי מילה, און מיר

# מצות קידוש

פסק'ענען אז מילה איז דוחה שבת, דעריבער מעג מען שבת תשובה טוען. **מקור ברוך**

## כונה מקיים צו זיין די מצוה פון קידוש

**בשעת** מען מאכט קידוש דארף מען אינזין האבן אז מען איז יוצא דערמיט די מצות עשה מן התורה, ווי עס שטייט אין פסוק זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ. אויב מען האט נישט אינזין געהאט, דארף מען נאכאמאל איבערמאכן קידוש, ווייל וויבאלד דאס איז א מצוות עשה וואס מען איז מחויב מן התורה, מוז מען האבן די כוונה. און בפרט, וויבאלד די מצוה פון קידוש איז א מצוה וואס מען טוהט נישט קיין מעשה, נאר מען איז דאס מקיים דורכ'ן דאס זאגן מיטן מויל [דיבור], מוז מען האבן די כוונה ווי פריער דערמאנט.

**דרך פיקודיך מצות ל"א, חלק המחשבה אות א'**

## אינזין האבן טעם המצוה

**דער** בני יששכר ברענגט אז וויבאלד עס שטייט ארויס בפירוש אין די תורה דער טעם פון די מצוה דארף מען אויך אינזין האבן דער טעם המצוה בשעת מען איז מקיים די מצוה. דער טעם פון די מצוה איז [שמות כ' י"א], כִּי שֵׁשֶׁת יָמִים עָשָׂה ה' אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ אֶת הַיָּם וְאֶת כָּל אֲשֶׁר בָּם וַיָּנַח בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי, דעריבער דארף מען אינזין האבן בשעת מען מאכט קידוש אז דער שבת איז א געדענקעניש צו דעם וואס השם יתברך האט באשאפן די גאנצער וועלט אין זעקס טעג [יש מאין] און האט גערועט אין דעם זיבעטן טאג.

**דרך פיקודיך מ"ע ל"א חלק המחשבה אות ב' וג'**

## בשעת קידוש איז מען מוחל אלע עבירות

**די** גמרא זאגט [שבת קי"ט:] אז רב חסדא האט געזאגט אין נאמען פון מר עוקבא, אז דער וואס דאוונט פרייטאג צונאכטס און זאגט ויכלו, לייגן די צוויי מלאכים וואס באגלייטן אלע מאל דעם מענטש ארויף זייערע הענט אויף זיין קאפ און זאגן: [ישעי' ו' ז'] וְסָר עֲוֺנֶךָ וְחַטָּאתְךָ תְּכֻפָּר - דיינע עבירות וואס דו האסט געטוען במזיד וועלן אפגעטאן ווערן, און דיינע זינד וואס דו האסט געטוען בשוגג וועלן פארגעבן ווערן. פארוואס פונקט יעצט זאגן די מלאכים אז זיינע עבירות ווערן אפגעטאן, און פארוואס מוזן דאס זאגן דוקא צוויי מלאכים?

**עס** שטייט אין מדרש אז דער שבת איז דאס פּאָר פון די אידן, און פונקט ווי יעדער חתן דארף אליין מקדש זיין די כלה, ווייל מצוה בו יותר מבשלוחו, דאס זעלבע דארף יעדער איד זיך אליין אנגרייטן צום שבת.

**לויט** דעם קען מען שוין פארשטיין פארוואס די מלאכים זאגן פונקט יעצט אז זיינע עבירות ווערן אפגעטאן, ווייל מיטן זאגן ויכלו ווערט מען גלייך צו א חתן וואס איז מקדש זיין כלה, און פאר א חתן איז מען מוחל אלע זיינע עבירות. דעריבער, אין די צייט ווען מען זאגט ויכלו, וואס דאס איז די צייט פון די קדושין פון די אידן צו דעם שבת, זאגן די צוויי מלאכים, וואס זיי זענען א זכר צו עדי קדושין, אז זיינע עבירות וועלן אפגעטאן ווערן פון אים. **דברים אחדים דרוש כ"ג**

## קידוש מאכן מיט גרויס שמחה

**יעדער** מענטש דארף עדות זאגן פאר הקדוש ברוך הוא די עדות פון בריאת שמים וארץ מיט גרויס שמחה און פרייד, פון די טיפעניש פון זיין הארץ, ווייל יעדער וואס זאגט די עדות'שאפט מיט שמחה איז השם יתברך אים מוחל זיינע עבירות. **זוהר הקדוש פ' ויקהל**

**קידוש** זאל מען מאכן מיט גרויס כוונה און מיט א געהויבענע שמחה אויף דעם וואס השם יתברך האט מיר אויסדערוועלט און האט מיר באשאפן צו זיין אין זיין חלק. השם יתברך האט מיר געוואלט, און דעריבער האט השם יתברך מיר געגעבן דעם הייליגן שבת. **יסוד ושורש העבודה**

**דער** יסוד ושורש העבודה זאגט: מיינע ברודער און גוטע פריינד, איר זאלט וויסן און פארשטיין אז דער עיקר תיקון פון אלע וועלטן זענען געוואנדן אין אייער זאגן דעם ויכלו בשעת קידוש. דאס איז אבער נאר אויב איר וועט דאס זאגן מיט די כוונה אז איר זאגט יעצט עדות אז השם יתברך איז איין איינציג און אחדות אין דער וועלט, וואס געלויבט איז זיין נאמען, און זיין געדענקונג זאל דערהויבן ווערן, דעריבער זאלט איר זיין געווארנט אינטערצוטעניגן אייער הארץ צו די ריכטיגע כוונה. **יסוד ושורש העבודה**